אבל גדרי התשובה אבער דיא גרונד זאכין פון דער תשובה וואס ער מוז אלץ טאן אז עס זאל הייסין ארעכטע תשובה הם ארבעה דם זיינען פיר זאכין הראשון דאס ערשטע איז החרטה על מה שקדם לו ער זאל חרטה האבין אויף דיא זינד וואס ער האט פריער גיטאן והשני שיעזבם אונ דאס אנדערע איז ער זאל זייא פאר לאזין אונ זאל זיך אפ קערין פון זיי ער זאל שון מער ניט טאן והשלישי שיתודה בהם אונ דאס דריטע איז ער זאל מתודה זיין אונ זאל אויף זיי בעטין השי"ת ער זאל אים מוחל זיין והרביעי שיקבל על נפשו כו' אונ דאס פערטע איז ער זאל אויף זיך מקבל זיין אין זיין הארץ אונ זיינע מחשבות אז ער וועט זייא שוין ניט טאן והחרטה אות אונ דאס וואס ער האט חרטה איז אצייכין אז דיא עבירות זיינען מבוזה אין זיינע אויגין וויא עס שטייט אין יואל מי יודע ישוב ונחם ווער עס ווייס אז ער האט איין עבירה אין זיך זאל תשובה טאן אונ זאל חרטה האבין אויף זיינע עבירות והשאיר אחריו ברכה וועט ער נאך זיך איבער לאזין אברכה אונ ער זאגט אין ירמיה פון אזעלכין וואס בלייבט בייא זיינע זינד אונ טוט זייא תמיד אין איש נחם על רעתו עס האט קיינר ניט חרטה אויף זיין בייז ואנחנו רואים כזה אונ מיר זעהן אזוי אגלייכין צווישין מענטשין אויך כשמראה החוטא לחבירו כו' אז דער וואס האט גיזינדיגט קעגין זיין חבר ווייזט אים אז ער האט חרטה אויף דעם וואס ער האט גיזינדיגט קעגין אים הוא הסבה כו' איז דם די שטארקע סבה אז ער זאל אים מוחל זיין אונ אנטקעגין גאט איז אויך אזוי והעזיבה אונ דאס פאר לאזונג וואס ער פאר לאזט דיא עבירות אות איז דאס אצייכין על בירור אמונתו אז ער גלייבט גיוויס אז מען קריגט פאר איין מצוה שכר אונ פאר שלעכטס איין עונש ווי עס שטייט אין ישעיה יעזוב רשע דרכו וגו' לאז דער רשע פאר לאזין זיין שלעכטין וועג אונ זאל תשובה טאן וועט זיך גאט אויף אים מרחם זיין ואמר במי שהתמיד על חטאיו אונ ער זאגט אויף אזעלכין וואס בלייבט בייא זיינע זינד אונ טוט זיי תמיד בעון בצעו קצפתי ואכהו פון וועגן די זינד פון זיין רויב האב איך גיצארינט אונ אים גישלאגין וכמו זה נראה אונ אזו אגלייכין זעהן מיר בייא מענטשין אויך כי כאשר ימנע אז דער וואס האט גיטאן בייז צו זיין חבר פאר מייד זיך מהרע אליו פון צו טאן אים בייז אחר התרטה נאך דעם אז ער האט חרטה אויף דעם וואס ער האט אים פריער בייז גיטאן אונ ווייטר טוט ער אים שוין קיין בייז ניט אז יהיה ראוי למחול לו דעמאלט איז ער ווערט אז דער מענטש זאל אים מוחל זיין ולעבור על פשעו אונ ער זאל אים שיינקען זיינע זינד ובקשת המחילה אונ דאס וואס ער

ובקשת המחילה אות על כניעתו ושפלותו לפני האלהים והתודותו בעונו סבת המחילה לו כמו שנאמר (משלי כח) ומודה ועוזב ירוחם ואמר בהפך זה (ירמיה ב) הנני נשפט אותך על אמרך לא חטאתי ואמר (משלי כח) מכסה פשעיו לא יצליח, וכזה נראה בין בני אדם כי החוטא לחבירו כשיכנע לו ויודה שחטא לו וקרע אליו ובקש ממנו המחילה והכיר חבירו ממנו שהוא מתחרט על מה שקדם לו מן החטא לא יתעכב מלמחול לו ומעבור על פשעו ויסיר מה שיש לו בלבו מן הנטירה, אבל הקבלה שלא ישנה אות על ידיעתו ברוע מעשהו וגודל חטאו כמו שנאמר (איוב לד) אם עול פעלתי לא אוסיף ונאמר (הושע יד) אשור לא יושיענו וגו' ונאמר בהפכו (ירמיה יג) היהפוך כושי עורו ונמר חברבורותיו וגו'. וכמו זה נראה בין בני אדם כשיקבל החוטא לחברו על עצמו שלא ישנה להרע לו ויראה החרטה והעזיבה ויתודה יהיה זה גמר סבות המחילה לו והסר האשמה ממנו ודחות העונש מעליו

מרפא לנפש

נטון גזלתו אף גם שהלך שוכב בדרכי לבו שלא שב ע"כ קלפתי והככו: והתודותו בעונו כו' והוא מ"מ כמ"ש בפרשת נשא איש או אשה כי יעשו מכל חטאת האדם למעול מעל כו' והתודו את חטאתם אשר עשו וגו' וכן כמה פסוקים וכתובים נכ"ה: אבל הקבלה שלא ישנה עוד לעשות כזה הוא אות על ידיעתו כו': ונאמר אשור לא יושיענו על סוס לא נרכב ולא נאמר עוד אלהינו למעשה ידינו וכיצד דקרא שובה ישראל עד ה' אלהיך קחו עמכם דברים ושובו אל ה' אמרו אליו כל תשא עון וגו' עוד זאת אמרו לפניו אשור לא יושיענו וגו' לא נכנס עוד עזרת אדם לא מאמול ולא ממלכים: היהפוך כושי עורו ונמר חברבורותיו גם אתם תוכלו להיטיב למודי הרע כמו לסרע': וכשיתקבצו בשב

בעט פון השי"ת אז ער זאל אים מוחל זיין די זינד אות על כניעתו ושפלותו איז דאס אצייכן אויף זיין אונטערטעניקייט און זיין נידריקייט פאר גאט והתודותו בעונו און דאס וואס ער איז מתודה אויף זיינע עבירות סבת המחילה לו איז דאס דיא סבה אז מען זאל אים מוחל זיין דיא עבירות ווי עס שטייט אין משלי ומודה ועוזב און דער וואס איז מתודה און פאר לאזט זייא און טוט זייא שוין ווייטער ניט ירוחם דער ווערט דער בארימט פון גאט ואמר בהפך זה און פון איינעם וואס ער טוט פאר קערט פון דעם און איז ניט מתודה זאגט ער אין ירמיה הנני נשפט אותך על אמרך לא חטאתי נון איך וועל דיך משפטין אויף דעם וואס דו האסט געזאגט איך האב גאר ניט געזינדיגט און אין משלי שטייט מכסה פשעיו לא יצליח דער וואס בדעקט זיינע זינד דער וועט ניט בגליקן וכזה נראה בין בני אדם און אזו אגלייכניס זעהט מען צווישן מענטשן אויך כי החוטא לחבירו ווארום דער וואס זינדיגט קעגין זיין חבר כשיכנע לו כו' אז ער איז זיך מכניע פאר אים און איז מתודה אז ער האט קעגין אים געזינדיגט און האט אים בייז געטאן ובקש ממנו המחילה און בעט פון זיין חבר ער זאל אים מוחל זיין והכיר חבירו ממנו און דער חבר דער קאנט פון אים שהוא מתחרט אז ער האט חרטה אויף דעם וואס ער האט פריער קעגין אים געזינדיגט לא יתעכב מלמחול לו וועט ער ניט זאמען פון מוחל צו זיין אים און פון צו שייקן אים זיינע זינד ויסיר מה שיש לו בלבו און ער וועט אפ טאן דיא שנאה וואס ער האט אויף אים אין זיין הארצין אבל הקבלה און דאס וואס ער איז אויך זיך מקבל שלא ישנה ער זאל עס שוין נאך אמאל ניט טאן אות על ידיעתו ברוע מעשהו איז דאס איין צייכן אז ער ווייס פון זיינע בייזע מעשים און פון זיינע גרויסע זינד וויא עס שטייט אין איוב אם עול פעלתי לא אוסיף אויב איך האב אנדערם אום רעכט געווערקט וועל איך עס שוין מער ניט טאן און אין הושע שטייט אשר לא יושיענו דער מלך אשור וועט אונז ניט העלפין כלומר מיר וועלין זיך שוין ניט סומך זיין אויף דעם מלך אשור נאר אין גאט ברוך הוא ונאמר בהפכו און אין ירמיה שטייט פון איינעם וואס ער טוט פאר קערט און טוט ווידער דיא עבירות היהפוך כושי עורו קאן דען פאר קערין דער כושי זיין שווארצע פעל אזו אויך קאן דער ניט גוט ווערין ווייל ער טוט דיא עבירות ווייטער וכמו זה נראה בין בני אדם און אזו אגלייכין זעהט מען צווישן מענטשין אויך כשיקבל החוטא לחבירו על עצמו אז דער וואס זינדיגט קעגין זיין חבר נעמט אויף זיך אז ער וועט אים שוין נים טאן קיין בייז ויראה החרטה און וועט אים ווייזין אז ער האט חרטה אויף דעם וואס ער האט פאר אים געזינדיגט און האט עס שוין פאר לאזין און איז מתודה אויף דעם וואס ער האט קעגין אים געזינדיגט יהיה זה וועט דאס זיין די רעכטע סבה אז דורך דעם וועט געענדיגט ווערין אז ער זאל אים מוחל זיין והסר האשמה ממנו און אפ צו טאן פון אים די שולד ודחות העונש

וכשיתקבצו בשב אלו הארבעה נדרים בתנאיהם אשר אנו עתידים לבארם יכפר לו הבורא עונו ויעביר על פשעו, ואם יהיה העון ממה שנאמר בו (שמות כ) לא ינקה כשבועת שוא ואשת איש מקיל הבורא עונשו בעוה"ז ומטיב לו בעוה"ב ויכנס בבת הצדיקים כמו שנאמר (ישעיה נט) ובא לציון גואל ולשבי פשע ביעקב וגו' ואמר (ירמיה ד) אם תשוב ישראל נאם ה' אלי תשוב ואמר (שם טו) אם תשוב ואשיבך לפני תעמוד:

פרק ה אבל תנאי גדרי התשובה רבים מאד אך אזכור מהם עשרים תנאים ונבאר בכל גדר מגדרי התשובה חמשה תנאים ובהם יהיה כל גדר מגדריה הארבעה שלם. מהם תנאי החרטה חמשה. הראשון היראה ממהירות עונש הבורא לחוטא על מה שקדם לו מן העונות ותחזק בעבור זה חרטתו כמו שנאמר (שם יג) תנו לה' אלהיכם כבוד בטרם יחשיך וגו'. והשני שבירת לבו והכנעו לאלהים על מה שהיה ממנו מן החטא כמו שנאמר (ד"ה ב ז) ויכנעו עמי אשר נקרא שמי עליהם. והשלישי לשנות מלבושיו ותכשיטיו להראות

## מרפא לנפש

כו' יהיה בעזרת הש' שיכפר לו כל עונותיו ופשעיו ואפילו אם יהיה העון ממה שנאמר בו לא ינקה כי' אעפ"כ אם דעתו לשוב ושב בכל לבו ונפשו מיקל הבורא ויבא עליו יסורין קלים בעוה"ז למרק עונותיו ליכנס בבית הצדיקים בעוה"ב וכמו שיתבאר עוד לפנינו פ"ה ע"ש. ואם אין כתיב בה לא ינקה נמחלין לו: ובא לציון גואל וגו' ואני זאת בריתי וגו' כתיב בהם ה' עם ישראל שישובו אל ה' קודם שיגלה אז מעלמא או בעוה"ב כמ"ש בסוף בעל הנפשות מרמ"ג: אם תשוב ואשיבך לפני העבור ואני אשיבך ולפני תעמוד לעונם:

פרק ה אבל תנאי גדרי התשובה הכיירים והנלוים לגדרי התשובה: ויכנעו עמי וגו' ויתפללו ויבקשו פני וישובו מדרכיהם הרעים ואני אשמע מן השמים ואסלח ונמחלה לך כמכות השני נפלאה: והשלישי לשנות מלבושיו כו'

מעליו אונ אוועק צו שטויסן דעם עונש פון אים וכשיתקבצו בשב אונ אז עס זאמלען זיך איין אין דעם וואס טוט תשובה דיא אלע פיר זאכן באנגנד בתנאיהם מיט דיא איבעריגע תנאים וואס מיר וועלין נאך ווייטער בשיידין יכפר לו הבורא עונו וועט אים דר באשעפער פר געבין זיינע זינד ויעביר על פשעו אונ וועט אים מוחל זיין זיינע עבירות ואם יהיה בעון כו' אונ ווען ער האט אפילו אזו אזינד געטאן דאס דר ביי שטייט גאט וועט אים ניט ריינגין כשבועת שוא ואשת איש דהיינו ער האט געשווארין פאלש מיט גאטס נאמען אדער ער האט גיזינדיגט מיט איין אשת איש מקל הבורא עונשו מאכט אים דער באשעפר זיין עונש גרינגער אויף דער וועלט ומטיב לו בעולם הבא אונ וועט אים גוטס טאן אויף עולם הבא ויכנס בבת הצדיקים אונ וועט אריין גיין מיט דיא חברותא פון צדיקים בעולם הבא וויא עס שטייט אין ישעיה ובא לציון גואל אונ עס וועט קומען צו ציון איין דר לייזר ולשבי פשע ביעקב אונ צו דיא פון יעקב וואס ווידער קערין פון זייער זינד אונ ירמיה האט גזאגט אם תשוב ישראל ווען דו ישראל וועסט ווידער קערין נאם ה' אלי תשוב זאגט גאט צו מיר זאלסטו ווידער קערין אונ נאך האט ער גיזאגט אם תשוב ואשיבך לפני תעמוד אוב דו וועסט ווידר קערן פון דיינע זינד וועל איך דיך מאכן ווידר קערן אז דו זאלסט פאר מיר שטיין אויף אייביג:

אבל תנאי גדרי התשובה אבער דיא תנאים וואס גיהערין נאך צו דיא פיר גרונד זאכין פון תשובה רבים מאד זיינען זייער פיל אך אזכור מהם נאר איך וועל פון זייא דער מאנען צוואנציג תנאים ונבאר בכל גדר אונ איך וועל בשיידין פון איטליכן גרונד זאך פון דיא פיר גרונד זאכין פינף תנאים ובהם אונ מיט דיא פינף תנאים וואס איך וועל מפרש זיין בייא איטליכן שורש יהיה כל גדר מגדריה הארבעה שלם וועט זיין גאנץ איטליכר שורש פון די פיר שרשים מהם תנאי החרטה חמשה פון דיא תנאים וואס גיהערין צו דעם שורש פון חרטה זיינען פינף הראשון דאס ערשטע איז היראה ממהירות עונש אז דער זינדיגער זאל מורא האבין פאר איין גישווינדן עונש על מה שקדם לו אויף דיא עבירות וואס ער האט פריער גיטאן ותחזק בעבור זה אונ דורך דעם וועט זיך אים נאך שטארקין זיין חרטה אויף זיינע זינד וויא עס שטייט אין ירמיה תנו לה' אלהיכם כבוד כו' גיט כבוד צו גאט אייער גאט אי עס וועט פינצטער ווערין והשני אונ דאס אנדערע איז שבירת לבו והכנעו ער זאל זיך מיט איין צו בראכין הארץ אונטער טעניג מאכין פאר גאט. פון וועגין די זינד וואס ער האט פריער גיטאן וויא עס שטייט אין דברי הימים ויכנעו עמי אשר נקרא שמי עליהם אונ זיי וועלין ווערין אונטער טעניג מיין פאלק וואס מיין נאמען ווערט אויף זייא גירופין והשלישי אונ דס

סימני החרטה בדבריו ובמאכליו ובכל תנועותיו כמו שנאמר (ירמיה ד) על זאת חגרו שקים וגו' ואמר (יונה ג) ויתכסו שקים האדם והבהמה. והרביעי הבכי והצעקה והאבל מתחרט על מה שקדם לו מן החטא כמו שנאמר (תהלים קיט) פלגי מים ירדו עיני על לא שמרו תורתך ואמר (יואל ב) בין האולם ולמזבח יבכו הכהנים משרתי ה'. והחמישי שיוכיח נפשו ויכלימנה במצפונו על מה שהיה מקצורו בחובת הבורא יתעלה עליו כמו שנאמר (שם) וקרעו לבבכם ואל בגדיכם. ותנאי העזיבה גם כן חמשה. אחד מהם עזיבת כל מה שהזהיר הבורא ממנו כמו שנאמר (עמוס ה) שנאו רע ואהבו טוב ואמר (ישעיה נו) ושומר ידו מעשות כל רע ואמר (שם נה) יעזוב רשע דרכו וגו'. והשני עזיבת המותר המביא לידי איסור כדברים המסופקים אם מותרים הם או אסורים כמו שנאמר על קצת החסידים שהיו פורשים משבעים שערים משערי המותר מיראתם שער אחד משערי האסור וכמו הסייגים שצוו עליהם רבותינו ז"ל ואמרו ועשו סייג לתורה. והשלישי שתהיה עזיבתו העבירות אחר יכלתו עליהם

מרפא לנפש

ובמאכליו כמו שמצינו באחאב שהיה למוד לאכול כדי שעות ביום ואכל בשבים ונתקבל תשובתו עיין בר"ח מזה באורך, ובספר שירה לרבינו יונה כתב שהנדר הגדול שמועיל ושמועלת מניעת שמאכלים כי מי שאינו יכול לסבול עינויים קשים ותעניות ימנע מתאותו ואל ימלא כל תאותיו במאכל ובמשתה אף שיכולת בידו ימשוך עצמו מהם בתוקף תאותיו לתשובה ודרך זה ימנענו מחטא ויזכרנו אהבת הבורא יותר ממעטים אי בשבוע כי זה בכל יום תמיד ויהיה לבו נכנע יותר אם היה רגיל ללמוד דף א' ילמוד שני דפים כי גדול היה שמביא לידי מעשה וכתב שכן שמע מחסיד עולם כראב"ד ע"ש באורך: פלגי מים ירדו עיני על לא שמרו העינים תורתך כי עינא ולבא הרי סרסורי דעבירה עין רואה ולב חומד ואמר הכתוב אין הולך בשני כתאוה כעצימת העינים: עזיבת המותר אף שהוא מותר ראוי לעזבו אם יש בו שום ספק וכו' וכמו שאמרו חז"ל על יחזקאל שלא אכל מבהמה שהורה בה חכם דהיינו שהוא מותר מן הדין כמו ס"ס או ספיקא דרבנן: והשלישי כו' אחר יכלתו

דריטע איז לשנות מלבושיו ער זאל משנה זיין זייגע מלבושים אונ זייגע תכשיטים להראות סימני החרטה ער זאל ווייזין דיא סימנים פון חרטה בדבריו ובמאכליו מיט זייגע רייד אונ מיט זיין עסן אונ מיט אלע תנועות ווי עס שטייט אין ירמיה על זאת חגרו שקים אויף דעם וואס איר האט גיזינדיגט גורט אייך אן מיט זעק אונ יונה האט גיזאגט ויתכסו שקים האדם והבהמה אונ זיי זאלין זיך בדעקין מיט זעק דיא מענטשין אונ דיא פיה. והרביעי אונ דאס פערטע איז הבכי והצעקה והאבל דס וויינען אונ שרייען אונ דאס טרויערין דרויף וואס ער האט גיטאן דיא עבירות מתחרט איז אסימן אז ער האט חרטה אויף דיא עבירות וואס ער האט פריער גיטאן וויא עס שטייט אין תהלים פלגי מים ירדו עיני טייכין וואסער גירינין פון מייגע אויגין על לא שמרו תורתך ווייל זייא האבין ניט גיהיט דיין תורה אונ יואל האט גיזאגט בין האולם ולמזבח יבכו הכהנים צווישין אולם אונ צווישין מזבח זאלין וויינען דיא כהנים וואס זייא דינען גאטס דינרים והחמישי אונ דאס פינפטע איז שיוכיח נפשו אז ער זאל שטראפין זיין לייב ויכלימנה במצפונו אונ זאל זיא פאר שעמען אין זייגע גידאנקין על מה שהיה בקצורו אויף דעם וואס ער האט גיקירצט פון צו בצאלין דיא חובות וואס דער בשעפר יתעלה האט אויף אים וויא עס שטייט אין יואל וקרעו לבבכם ואל בגדיכם אונ צו רייסט אייערע הערצער אונ ניט אייערע קליידר ותנאי העזיבה גם כן חמשה אונ דיא תנאים פון דיא פר לאזונג דיא זינד זיינען אויך פינף אחד מהם איינס פון דיא פינף איז עזיבת כל מה שהזהיר ער זאל פר לאזין אלין וואס דר בשעפר האט עם פאר באטן ווי עס שטייט אין עמוס שנאו רע ואהבו טוב האט פייגד צו טאן דם בייז אונ האט ליב צו טאן גוטס אונ אין ישעיה שטייט ושומר ידו מעשות כל רע אונ דר וואס היט זיין האנד פון בייז צו טאן אונ נאך שטייט דארט יעזוב רשע דרכו דר רשע זאל פאר לאזין זיין שלעכטין וועג והשני אונ דאס אנדערע איז עזיבת המותר כו' ער זאל פאר לאזין אפילו אזו אזאך וואס מותר איז נאר עס קאן אים ברייגגן צו איין איסור בדברים המסופקים דהיינו אזעלכע זאכין וואס מען איז אין זייא מסופק אויב זייא זיינען מותר אדער אסור זאל ער עס אויך פאר לאזין כמו שנאמר אזו וויא עס גיזאגט גיווארין אויף אמייל פון דיא חסידים שהיו פורשים אז זייא האבין זיך אפ גישייד פון זיבעציג זאכין וואס זייא זיינען מותר מיראתם ווייל זייא האבין זיך גיפארכטין טאמער וועלין זייא דורך דעם עובר זיין אויף איין זאך פון דיא זאכין וואס זייגען אסור וכמו הסייגים אונ אזו וויא דיא צאמען וואס אונזערע חכמים האבן זייא גיבאטין ואמרו ועשו סיג לתורה אונ האבין גיזאגט אונ איר זאלט מאכין איין צוים צו דער תורה אזו ווי דורך אצוים ווערט אפ גיהיט דער גארטין אדר די תבואה אזו זאלט איר

אויף

והזדמנותם לו לא ימנע מעשותם כי אם מיראת עונש הבורא כמו שנאמר (תהלים קיט) סמר מפחדך בשרי וממשפטיך יראתי. והרביעי שתהיה עזיבתו העבירות מבשתו מן הבורא לא מיראת בני אדם ולא לתקותו אותם ולא לבשתו מהם ולא יהיה כמו שנאמר בהם (ישעיה כט) ותהי יראתם אותי מצות אנשים מלומדה ואמר (מלכים ב יב) ויעש יהואש הישר בעיני ה' כל ימיו אשר הורהו יהוידע הכהן. והחמישי שיעזוב עשות הרע עזיבת היאוש ממנו שלא יתן אל לבו לשנות אליו ויאמר בלבו ובלשונו כמו שאמר החסיד (איוב לד) אם עול פעלתי לא אוסיף. אבל תנאי בקשת המחילה כמו כן חמשה. אחד מהם התודותו בעונותיו ושירבו בעיניו ובלבו כמו שנאמר (ישעיה נט) כי רבו פשעינו נגדך. והשני שיזכור אותם תמיד וישימם לנגדו ונוכח פניו כמ"ש (תהלים נא) כי פשעי אני אדע וחטאתי נגדי תמיד.

## מרפא לנפש

עליהם כו' וכמ"ש חז"ל (יומא דף פו) היכי דמי בע"ת כגון שבא דבר עבירה לידו שנכשל בה כבר פעם ראשונה ושניה וניצל ממנה מחו רב יהודה באותה אשה ובאותו מקום אפי' שאינו מתגבר עליו והכל הכל מוזמן לפניו כמאז כן עתה והוא נמנע היו בע"ת גמור: ולא לתקותו אותם שבא מקום מכה טובות וכאשר יהיה בעל עבירות לא יועילו עמו: ותהי יראתם אותי מצות אנשים לא בלב שלם כי אם כמלות חנפים כמלמדים אותם כהרגלו וכנעים מלפניו וכדי לפתותו בפיהם. רש"י: אנשים מלומדה כמו שמלוה מאנשים כמ"ה בעובם מלותיו רק לפנים ולבו בל עמו כמ"ש בריכא דקרא יען כי נגש העם הזה בפיו ובשפתיו כבדוני והוא ירחקם וגו' לכן הנני יוסיף להפליא וגו': והחמישי וגו' תנאי בקשת המחילה שיתענה ביום והתנאי הזה הוא כדרך כלל שיתענה בבעי"ת וכמ"ש ושובו עדי בכל לבבכם ובצום ובבכי ובמספד. ככה האריכו כל המחברים בספרי התשובה ובדרך העניות על כל חטא והחטא הרוקח ובכחים האגריו וכר"ת בעל התשובה האריך מאד בעניינים כאלו וכתב בע"ג מאם בהעמידו הוא חוטא כבוש חטא ועון הוי אין העתיו נתנב לפניו וכו' ואז לוונו נמלט מפגעי העולם כי הוא

אויך זיך אפרין אזעלכע זאכין חס ויחנן מותר מן התורה נאר דר פון קאן מען קומן צו איין עבירה בדי איר זאלט ניט קומן צו זעלכע זאכין וואס זיינן אסור מן התורה ותשלישי אונ דס דריטע איז שהיה עזיבתו אז זיין פאר לאזין די עבירות זאל זיין אחר יכלתו עליהם נאך דעם אז ער האט נאך יכולת זיין צו טאן והזדמנותם לו אונ זיינן פר אים אן געבריים אונ ער האט נאך אין די הענד די עבירות ווידר צו טאן לא ימנע מעשותם כו' זאל ער זייא ניט פאר מיידין פון צו טאן נאר מחמת ער פארכט זיך פר דעם עונש פון דעם בשעפר וויא עס שטייט אין תהלים סמר מפחדך בשרי עס ציטערט פר דיין פארכט מיין פלייש וממשפטיך יראתי אונ פר דיין משפט טוא איך מיך פארכטין והרביעי אונ דס פערטע איז שתהיה עזיבתו העבירות אז זיין פר לאזין די עבירות זאל זיין מבשתו מן הבורא ווייל ער שעמט זיך פר דעם בשעפר לא מיראת בני אדם ניט ווייל ער פארכט זיך פר די מענטשן ולא לתקותו אותם אונ ניט ווייל ער האפט פון זייא זייא זאלין אים טאן טובות אונ אז ער וועט זיין אבעל עבירה ועלין זייא מיט אים די טובות ניט טאן ולא לבשתו מהם אונ ניט ווייל ער שעמט זיך פר זיי ולא יהיה כמ"ש בהם אונ ער זאל ניט זיין אזו וויא די וואס פון זייא איז געזאגט געווארין אין ישעיה ותהי יראתם אותי מצות אנשים מלומדה אונ דס וואס זייא פארכטין זיך פר מיר איז ניט מיטין גאנצין הארצין נאר עס איז וויא לייט האבין זייא געלערנט ואמר אונ אין מלכים שטייט ויעש יהואש כו' אונ יהואש האט געטאן דס וואס רעכט פר גאט איז נאר וויא לאנג יהוידע דר כהן גדול האט אים געלערנט והחמישי אונ דס פינפטע איז שיעזוב עשות הרע אז ער זאל פר לאזין דס בייז צו טאן עזיבת היאוש ממנו אזו איין פר לאזונג אז ער זאל זיך גאר דר פון מיאש זיין שלא יתן אל לבו ער זאל ניט גידיינקען אין זיין הארץ אז ער זאל עס נאך אמאל טאן נאר ויאמר בלבו ער זאל זאגין אין הארץ אונ מיט זיין צונג כלומר ער זאל עס זאגין אונ זאל עס מיינען מיט זיין הארץ כמו שאמר החסיד וויא דר חסיד איוב האט געזאגט אם עול פעלתי לא אוסיף אויב איך האב אנדערש אום רעכט געווערקט וועל איך עס שוין מער ניט טאן אבל תנאי בקשת המחילה אבער די תנאים וואס געהערין דר צו וואס ער זאל בעטין מען זאל מוחל זיין זיינע זינד זיינען אויך פינף אחד מהם איינס פון די פינף איז התודותו בעונותיו ער זאל באקענען זיינע זינד ושירבו בעיניו אונ זייא זאלין זיין פיל ביי אים אין די אויגין אונ אין הארצן ער זאל זיך טראכטין איך האב זייער פיל עבירות געטאן וויא עס שטייט אין ישעיה כי רבו פשעינו נגדך דען אונזערע עבירות זיינן פיל וואס מיר האבין קעגין דיר געטאן והשני אונ דאס אנדערע איז שיזכור אותם תמיד ער זאל זייא תמיד גידיינקען וישימם לנגדו ונוכח פניו אונ ער זאל זייא טאן קעגין זיך אונ פר זיין פנים שטעלין וויא עס שטייט אין תהלים כי פשעי אני אדע דען מיינע זינד ווייס

איך

והשלישי שיתענה ביום ויתפלל בלילה עת שלבו פנוי ואין לו טרדה בעסקי העולם כמ"ש (איכה ב) קומי רוני בלילה. ואני עתיד לבאר מעלת תפלת הלילה בעזרת השם. והרביעי שיתחנן אל האלהים ויעטוף אליו תמיד לכפר עונותיו ולמחול לו ולקבל תשובתו כמ"ש (תהלים לב) חטאתי אודיעך ועוני לא כסיתי וגו' ואמר (שם) על זאת יתפלל כל חסיד אליך לעת מצא. והחמישי שיטרח וישתדל להזהיר בני אדם מכמות עבירותיו וליראם מעונשם ולהזכירם בתשובה מהם כמו שכתוב (יונה ג) מי יודע ישוב ונחם האלהים ונאמר (תהלים נא) אלמדה פושעים דרכיך. ותנאי הקבלה שלא ישנה לעשות מה שהזהיר ממנו הבורא חמשה כמו כן. אחד מהם שישקול ערבות מהרה וכלה מעורבבת בערבות מתאחרת קיימת מתמדת זכה מבלי קדרות וערבוב ושישקול צער מהר כלה אין לו קיימא בצער מתאחר מתמיד

### מרפא לנפש

קרא מכאן ומכאן כי אינו ניזון ע"פ הטבע וגם ע"פ התהד הינו ניזון ולא יזיק לו התעניות ולכן צריך הבעית המתענה ליזהר בכל דרכיו בדקדוק גמור ולהזהר בכיוצא דברים המעכבים התשובה שמנה הרמב"ם ע"ש בר"ח באורך כל פרטי התשובה הנכנס ובס' קנ"ה ובס' משנת חסידים ומאן דכתיב ליה כאיכה הזוג לבי אסיא קיו לאולי סנסא שילך לדרוש את דבר ה' בספרים הכם וכוונה בהם כי רופאי הגוף ספק מרפא וכמה והאי מרפאים גופו ורוחו ונשמתו. ואני עתיד לבאר מעלת תפלה בסוף פ"ז משער אהבת ה' ע"ש: ויעטוף אליו תמיד מלשון תפלה לעני כי יעטוף כלומר בכוונת תפלה: לעת מצוא לנו פנוי לתשוב ולהבין בעומתיו וקילורו בעבודת ה' ולכן יתפלל לאלהיו להזהיר ב"א מכמות עבירותיו ובפרט מי שיש בידו עון חילול השם שחטא והחטיא למדו ממנו ואז תקנתו שיזכה אחרים עמו כ"כ בר"ח ועי' בשער אהבת ה' פ"ו מגודל זכות המזכה את הרבים דברים נמרצים, ובשל"ה כתב בשם ספר חרדים דברים פרטים המסוגלים לכפרת עונות וכם שמירת שבת כהלכתו במעשה ובדבור ובמחשבה כמו שמבואר בר"ח ובכתבי בש"ז בקילור והמעביר על מדותיו מעבירין ממנו כל פשעיו ומכים עונות וקטאים והעונה אמן יהא שמיה רבא בכל כחו ר"ל בכל כוונתו ושירת הים בשמחה ולשמוע תוכחת מוסר מחכמים כדורש ע"ש באורך: שישקול ערבות מהרה וכלה אם יעשה העבירה יהיה לו ערבות לפי שעה ויכלה תיכף וגם מעורבבת עם כמה פגעי בעוה"ז שאין לאדם מנוחה בהם: בערבות מתאחרת כו' ישקול מה שהפסיד עי"ז ערבות והענוג עוה"ב שהוא דבר קיים ומתאחרת ומתמיד לעולם וגם שהתענוג ההוא הוא זך מבלי צער וערבוב של יגון כמ"ש לעיל. לי ר"ת בס' היסר: ושישקול צער מהר כלה ר"ל אם יכנוס יגון ויסו' לו צער על שעה מועטת: בצער מתאחר ויתלם עי"ז מצער של גיהנם שאינו כלה ואין

איך וחטאתי נגדי תמיד אונ מיינע זינד זיינן אלע צייט אנטקעגן מיר והשלישי אונ דאס דריטע איז שיתענה ביום ער זאל פאסטין ביי טאג ויתפלל בלילה אונ זאל תפלה טאן ביי נאכט ווארום ביי נאכט איז עת שלבו פנוי אצייט וואס זיין הארץ אונ די מחשבה איז ליידיג ואין לו טרדה אונ איז ניט טרוד אין די וועלטליכע זאכין וויא עס שטייט אין איכה קומי רוני בלילה שטייא אויף אונ טוא תפלה ביי נאכט · זאגט דר מחבר ואני עתיד לבאר אונ איך וועל ווייטר בשיידין מיט גאטס הילף וואס פר איין מעלה עס האט די תפלה פון בייא נאכט והרביעי אונ דאס פערטע איז שיתחנן אל האלהים ער זאל בעטין צו גאט ויעטוף אליו תמיד אונ זאל זיך אלע צייט פר אים נידריג האלטן אונ זאל פון אים פיל בעטין לכפר עונותיו ולמחול לו אז ער זאל אים פר געבן זיינע זינד אונ זאל אים מוחל זיין ולקבל תשובתו אונ זאל זיין תשובה אן נעמן וויא עס שטייט אין תהלים חטאתי אודיעך מיינע זינד וועל איך דיר לאזין וויסן ועוני לא כסיתי אונ מיינע עבירות האב איך ניט בדעקט אונ ווייטר שטייט דארטין על זאת יתפלל כל חסיד אליך אויף דעם טוט בעטין איטליכר חסיד צו דיר לעת מצוא צו דר צייט אז ער געפינט ביי דיר רחמנות זאלסטו זיין תפלה מקבל זיין והחמישי דס פינפטע איז שיטרח וישתדל כו' ער זאל זיך מטריח זיין אונ זיך פלייסין צו ווארענען לייט זייא זאלין ניט טאן אזעלכע עבירות וויא ער האט געטאן וליראם מעונשם אונ זאל זייא מאכין פארכטן פר דעם עונש וואס קומט פר די עבירות ולהזכירם בתשובה אונ זאל זייא דער מאנן זייא זאלין תשובה טאן אויף די עבירות וויא עס שטייט מי יודע ישוב דר וואס וייס פון זיינע עבירות זאל תשובה טאן ונחם וועט זיך גאט בדיינקן אונ וועט ניט שיקן אויף זייא קיין בייז אונ אין תהלים שטייט אלמדה פושעים דרכיך איך וועל לערנין די זינדיגע דיין וועג וויא זייא זאלין תשובה טאן ותנאי הקבלה אונ די תנאים וואס ער מוז אויף זיך געמן ער זאל שוין נאך אמאל ניט טאן דאס וואס דר בשעפר האט פר באטין חמשה כמו כן זיינן זייא אויך פינף אחד מהם איין תנאי פון די פינף זאכין איז שישקול ערבות כו' ער זאל איבר וועגין דם זיסקייט פון די עבירות וואס ער וועט פון זייא הנאה האבין אונ דר קעגין גייט עס אבר באלד אוועק אונ עס ווערט פר לענגר מעורבבת אונ עס איז צו מישט מיט פיל זאכין וואס ער האט פון זייא קיין מנוחה ניט בערבות מתאחרת קעגין דעם זיסקייט פון די מצות וואס עס גידויערט לאנג ביז ער קריגט דעם שכר דער קעגין האט עס אקיום אויף אייביג אונ עס בלייבט בייא אים אלע צייט זכה אונ

אין לו הפסק כמו שכתוב על הערבות (ישעיה סו) וראיתם ושש לבבם ואמר על הצער (שם) ויצאו וראו בפגרי האנשים וגו' ואמר (מלאכי ג) כי הנה היום בא בוער כתנור והיו כל זדים וכל עשה רשעה וגו' ואמר (שם) וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה וגו'. וכאשר יתן החוטא אל לבו הדבר הזה ראוי לו לקבל עליו שלא ישנה אל חטאו. והשני שיתן אל לבו בוא יום הסיתה ובוראו קצוף עליו על מה שקדם לו מן הקצור בחובותיו כמ"ש (שם) ומי מכלכל את יום בואו. וכאשר ישיב זה אל לבו חייב לירא מעונשו ולהסכים עם נפשו שלא ישנה אל מה שיקצוף אדוניו עליו. והשלישי שיתן אל לבו הימים אשר נטה בהם מאחרי אלהיו ולא השגיח לעבודתו עם התמדת טובותיו עליו בהם כמ"ש (ירמיה ב) כי מעולם שברתי עלך נתקתי מוסרותיך ותאמרי לא אעבור ופירוש לא אעבור לא אקבל עבודתך ולא אבוא בבריתך כאלו אמר לא אעבור בבריתך מענין (דברים כט) לעברך בברית

## מרפא לנפש

לו הפסק לעולם ומתי יתן זה אל לבו ובודאי לא ישנה עוד למעשיו הרעים: ויצאו וראו בפגרי האנשים הפושעים בי כי תולעתם לא תמות ואשם לא תכבה והיו דראון לכל בשר: וכל עשה רשעה קש ולהט אותם היום הבא. פי' רש"י הוא החמה רשעים נדונים בה וצדיקים מתרפאים בה וזהו שנאמר וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה ומרפא בכנפיה: כי מעולם

עס איז ריין אונ לויטער מבלי קדוזות אן פר פינצטערונג אונ אהן פר מישונג ושיקול צער אונ זאל ווידר איבר וועגין דעם צער אונ די מיה וואס ער האט תיכף דורך די מצות וואס ער טוט אונ שפארט איבר דעם יצר הרע ער זאל ניט טאן קיין עבירות דר קעגין גייט דר צער באלד אוועק אין לו קיימא אונ עס גיווערט ניט לאנג בצער מתאחד פר דעם צער וואס וועט קומן שפעטער אויף עולם הבא אז ער וועט די מצות מקיים זיין אונ וועט טאן עבירות מתמיד וואס דר צער גידויערט אלע צייט אין לו הפסק וואס דער צער הערט קיין מאל ניט אויף וויא עס שטייט אויף דעם ויקיים פון עולם הבא וראיתם ושש לבכם אונ איר וועט זעהן וועט זיך פרייען אייער הארץ ואמר על הצער אונ ער האט גיזאגט פון דעם צער אונ עונש וואס די רשעים וועלין ליידין פר די עבירות ויצאו וראו בפגרי האנשים אונ זייא וועלין ארויס גיין אונ וועלין זעהן אן די טויטע לייבער פון די מענטשין וואס האבין קעגין מיר גיזינדיגט דס עס וועט דויערין אין די אייביגקייט אונ אין מלאכי שטייט כי הנה היום בא רעדן עס וועט קומן דר טאג בוער כתנור וואס די זון וועט ברענין וויא איין אויבין והיו כל זדים וכל עושה רשעה וגו' אונ אלע די מוטוויליגע אונ די וואס טוען בייז וועלין פר ברענט ווערין וויא שטרויא ואמר אונ ווייטער שטייט וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה וגו' אונ פר די וואס פארכטין זיך פר מיין נאמן וועט די זון שיינען מיט גירעכטיקייט אונ זיא וועט זייא היילין מיט איהרע פליגיל וכאשר יתן החוטא אל לבו אונ אז דר זינדיגר וועט זיך דאס דאזיגע צום הארצין נעמן ראוי לו לקבל עליו געהער ער דאך גוזים אויף זיך צוא נעמן אז ער זאל שוין נאך אמאל די עבירות ניט טאן אונ זאל שוין גאר ניט זינדיגן והשני אונ דס אנדרע איז שיתן אל לבו בא יום המיתה אז ער זאל זיך נעמן צום הארצין אז עס וועט קומן דר טאג פון דעם טויט ובוראו קצוף עליו אונ זיין באשעפר וועט אויף אים צערנן על מה שקדם לו אויף דעם וואס ער האט פריער ניט גוט גדינט וויא ער איז אים שולדיג גיוועזן צו דינן וויא עס שטייט אין מלאכי ומי מכלכל את יום בואו אונ ווער וועט קאנען דר ליידין דעם טאג אז ער וועט קומן וכאשר ישיב אונ אז ער וועט דאס אום קערין צו זיין הארץ אונ וועט עס גידיינקען חייב לירא מעונשו וועט ער בדארפין מורא האבין פר זיין עונש ולהסכים עם נפשו אונ וועט מוזין זיך פיר נעמן שלא ישנה כו' ער זאל שוין נאך אמאל ניט טאן אזעלכע זאכין וואס זיין האר זאל אויף אים דריבער צארנען והשלישי אונ דס דריטע איז שיתן אל לבו אז ער זאל גידיינקין הימים אשר נטה בהם די טעג עס ער האט זיך אין זייא אוועק גנייגט פון זיין גאט ולא השגיח לעבודתו אונ וואס ער האט ניט אכטונג גיגעבין אויף זיין דינסט עם התמדת טובותיו אונ נאך דר מיט וואס ער האט אים תמיד טובות גיטאן אפילו די צייט וואס ער האט אים ניט גידינט וויא עס שטייט אין ירמיה כי מעולם שברתי עולך דער פון אייביג האב איך דיין יאך צו בראכין נתקתי מוסרותיך אונ איך האב צוא ריסן דיין רימן בונד ותאמרי לא אעבור אונ דו האסט גיזאגט איך וועל ניט אן געבין דיין דינסט ופירוש לא אעבור אונ דר טייטש איז פון לא אעבור לא אקבל עבודתך איך וויל ניט מקבל זיין דיין דינסט אונ איך וויל ניט

ה׳ אלהיך. והרביעי שישיב הגזלות וימנע מן העבירות וירף מהזקת כל הבראים כמו שכתוב (יחזקאל לג) חבול ישיב רשע גזלה ישלם ואמר (איוב יא) אם און בידך הרחיקהו וגו׳ כי אז תשא פניך ממום. והחמישי שיתן אל לבו גדולת הבורא יתעלה אשר המרה דברו ויצא מקשר עבודתו ומסורת תורתו ויוכיח את נפשו ויכלימנה על זה כמו שנאמר (דברים לב) הלה׳ תגמלו זאת ואמר (ירמיה ה) האותי לא תיראו נאם ה׳. ובזה ישלמו גדרי התשובה אשר הקדמנו :

פרק ו אבל אופן ההערה יהיה לאחד מארבעה דברים. האחד מחוזק הכרת האדם את אלהיו ובחינתו בהתמדת טובתו עליו ומה שהוא חייב עליה מעבודתו ושמור מצותיו והזהר ממה שהזהיר והוא כעבד הבורח מאדוניו כשהוא חושב בטוב אשר גמלו ישוב אליו לרצונו לבקש ממנו מחילה על מה שקדם לו מהמרותו וברחו מעבודתו והוא העבד המפיק דרך הטובה ומבין נתיב ההצלה ובכמוהו נאמר (ירמיה ד) אם תשוב ישראל נאם

מרפא לנפש

שבירת עולך בהוצאתיך ממצרים והעביר והאמר לא אעבור בבריתך : חבול ישיב המשכון ישיב לבעליו כבוא השמש לדין סודם וכנ״ח מתהתי קרא: רשע גזילה ישלם בחוקות החיים הלך לבלתי עשות עול חיו יחיה לא ימות. עכל״ס: ואמר האותי לא תיראו נאם ה׳ אם מפני לא תחילו אשר שמתי חול גבול לים חק עולם ולא יעברנהו וגו׳ ולעם הזה היה לב סורר ומורה סרו וילכו :

פרק ו ושמור מצותיו ולשמור מצותיו והזוהר ממה שהזהיר: המפיק סחורה כמו יפיק רצון מה׳ :

ניט איבער פארין אין דיין ברית כלומר איך וויל מיט דיר ניט כורת ברית זיין כאילו אמר גלייך וויא עס וואלט געשטאנען אין פסוק לא אעבור בבריתך איך וועל ניט דורך פארין אין דיין ברית מעניך לעברך בברית ה׳ אלהיך גלייך וויא עס שטייט אין דברים ער זאל דיך מאכען דורך פארין אין דעם ברית פון דיין גאט והרביעי אונ דאס פערטע איז שישיב הגזלות ער זאל אום קערין דם וואס ער האט גגזילת וימנע מן העבירות אונ זאל זיך פר מייחן פון די עבירות וירף מהזקת אונ לאז אפ לאזין כלומר ער זאל זיך היטן פון שאדין צו טאן אלערליי באשעפעניש וויא עס שטייט אין יחזקאל חבול ישיב רשע גזלה ישלם דעם משכון זאל דר רשע אום קערין די גזילה זאל ער בצאלן אונ אין איוב שטייט אם און בידך הרחיקהו אויב דו האסט אום רעכטיקייט אין דיין האנד דר ווייטר דאס וועלביגע פון דיר כי אז תשא פניך ממום דען ווענסטו מעגין אויף הייבן דיין פנים אונ דיין ווייטג וועט גהיילט ווערין אונ וועסט זיין גאר אן אמום והחמישי אונ דאס פינפטע איז שיתן אל לבו אז ער זאל גידיינקן אין זיין הארץ דאס גרויסקייט פון דעם באשעפר גלויבט איז ער אשר המרה את דברו אונ וואס ער האט זיינע רייד ווידר גישפעניגט ויצא מקשר עבודתו אונ ער איז ארויס גגאנגען פון דעם פר בינדניש פון זיין דינסט ומסורת תורתו אונ פון די איבר ענטפרונג פון זיין תורה ויוכיח את נפשו אונ זאל שטראפן זיין לייב ויכלימנה אונ זאל זיא פר שעמן אויף דעם וואס ער הט קעגין אזו א גרויסן גאט ווידר גישפעניגט וויא עס שטייט אין דברים הלה׳ תגמלו זאת גיהערט איר דען דם בצאלין צו גאט· אונ אין ירמיה שטייט האותי לא תיראו נאם ה׳ גאט זאגט זאלט איר זיך דען פר מיר ניט פארכטין ובזה אונ מיט דעם דאזיגן כלומר דר וואס וועט אין דעם אלים גידיינקן ישלמו גדרי התשובה וועלין ביי אים גאנץ זיין אלע גרונד זאכן פון תשובה וואס מיר האבן אויבין גזאגט :

אבל אופן ההערה אבער דר אופן וויא מען זאל זיך דר וועקן צו דר תשובה יהיה לאחד מארבעה דברים דאס קאן זיין דורך איינם פון די פיר זאכין האחד דם איינע איז מחוזק הכרת האדם מחמת דאס שטארקע דר קענונג וואס דר מענטש דר קענט וואס גאט איז ובחינתו בהתמדת טובתו אונ פר שטייט אין די טובות וואס גאט טוט מיט אים אלע צייט ומה שהוא חייב עליה אונ אויך פאר שטייט ער וואס ער איז דר פר חייב אים צו דינען ושמור מצותיו אונ צו היטן זיינע מצות והזהר ממה שהזהיר אונ זאל זיך היטן פון צו טאן דם וואס גאט האט פר באטין מען זאל עס ניט טאן והוא כעבד הבורח מאדוניו אונ אז ער טוט אזו איז ער גלייך וויא א קנעכט וואס אנטלויפט פון זיין הארין כשהוא חושב אז דער קנעכט בטראכט דם גוטס וואס דער האר האט אים גיטאן וישוב אליו לרצונו אונ ער קערט זיך אום מיט זיין ווילן ווידר צו אים לבקש ממנו מחילה ער זאל אים בעטין אז ער זאל אים מוחל זיין אויף דעם וואס ער האט אים פריער ווידר גשפעניגט וברחו מעבודתו אונ וואס ער איז אנטלאפן גיווארין פון זיין דינסט

ה' אלי תשוב, ר"ל אם תשוב לרצונך קודם בוא העונש עליך אקבל תשובתך ואבחר בך לעבודתי, ואם תסיר שקוציך מפני ולא תנוד ולא תברח מעבודתי ונשבעת בשמי באמת ולבך לשוב אלי באמונה יתברכו בך גוים ובך יתהללו. והתשובה על כל התנאים הוא מה שאמר והתברכו בו גוים ובו יתהללו. ואמר (מלאכי ג) שובו אלי ואשובה אליכם. והשני בעת שתבואהו תוכחת הבורא יתברך והכלמתו על רוע מעשיו ומפעליו בין ע"י נביא דורו אם יהיה בזמן הנבואה או מתורת ה' הנאמנה או מפי מורה לעבודת האלהים אשר הוא טענת הבורא בארץ על ברואיו ואין דור מן הדורות ריק ממנו כמו שאמרו רבותינו ז"ל עד שלא כבתה שמשו של משה זרחה שמשו של יהושע תלמידו. עד שלא כבתה שמשו של עלי זרחה שמשו של שמואל הרמתי. עד שלא כבתה שמשו של אליהו זרחה שמשו של אלישע. יום שמת רבי עקיבא נולד רבינו הקדוש. ועל הדרך הזה ימצא בכל הדורות ובכל

מרפא לנפש

ואם תסיר שקוציך מפני וגו' ולא תנוד: ולא תברח הוא פי' של לא תנוד. וכה"נ גרס בש"ס ולא תנוד פי' ולא תברח מתורת הי' כנאמנה שמכרזת ואומרת לכו בנים שמעו לי וכמ"ש במשלי ח' עי"ש וכן כל ס' מגנה תורה שמכריזים רבינו ע"ה על הבורא ועל העבודה ועל הגלה ע"כ אין לאדם שום טענה ותירוץ רק שיש להבורא ית' טענה על נביאיו שיש הרבה שלוחים

דינסט והוא העבד אונ דער קנעכט איז דער וואס טרעפט דעם גוטין וועג ומבין נתיב ההצלה אונ ער פר שטייט די שטעג וויא ער זאל קאנן באשירעם אונ גיהאלפין ווערין אז דער הער זאל אים ניט שטראפן ובכמוהו אונ ביי אזו אנליבן נאמר איז גיזאגט געווארין אין ירמיה אם תשוב ישראל נאם ה' אלי תשוב ר"ל מיינט אזו דער פסוק אם תשוב לרצונך אז דו וועסט מיט דיין ווילן פון זיך עלבסט תשובה טאן איידער די שטראף קומט אויף דיר אקבל תשובתך וועל איך דיין תשובה מקבל זיין אונ וועל דיך אויס דער וויילין צו מיין דינסט ואם תסיר שקוציך מפני אונ אז דו וועסט דיין אום ווערדקייט אפ טאן פון קעגין מיר ולא תברח מעבודתי אונ דו וועסט ניט אנטליפן פון מיין דינסט ונשבעת בשמי באמת אונ דו וועסט שווערין ביי מיין נאמן אויף אמת ולבך לשוב אלי באמונה אונ וועסט דיר נעמן אין הארצין אז דו זאלסט מיט אמת צו מיר תשובה טאן יתברכו בך גוים וועלין זיך די פעלקר מיט דיר בענטשין ובך יתהללו אונ וועלין זיך מיט דיר בארימען והתשובה על כל התנאים אונ די תשובה וואס גאט האט צו גיזאגט אויף די אלע תנאים וואס דא שטייט אין פסוק דהיינו אז דוא וועסט תשובה טאן אונ וועסט אפ טאן דיין אום ווערדיקייט פון דיר אונ דוא וועסט שווערין מיט זיין נאמען אויף אמת הוא מה שאמר והתברכו בו כו' איז דאס וואס ער האט גיזאגט די פעלקר וועלין זיך מיט דיר בענטשין אונ מיט דיר וועלין זייא זיך בארימען. אונ מלאכי האט גיזאגט שובו אלי קערט זיך ווידר צו מיר ואשובה אליכם וועל איך מיך ווידער קערין צוא אייך והשני אונ דאס אנדרע איז בעת שתבואהו הוכחת אז ער טוט תשובה אין דער צייט אז עס קומט אויף אים די שטראף פון דעם באשעפר יתברך והכלמתו על רוע מעשיו אונ זיין פר שעמן איבר זיינע בייזע מעשים אונ שלעכטע ווערק בין ע"י נביא דורו סייא ער פר שעמט אים דורך איין נביא פון זיין דור אם יהיה בזמן הנבואה אז ער איז אין דר צייט ווען עס איז נאך גיווען די נבואה או מתורת ה' הנאמנה אדער פון גאטס ווארהאפטיגע תורה וואס ער לערינט תורה זעהט ער וויא ער האט קעגין גאט גיזינדיגט או מפי מורה אדר דורך אזו אצדיק וואס ער ווייזט אונ לערינט אים צוא גאטס דינסט אשר הוא טענת הבורא דען דאס האט דר באשעפר איין טענה אויף זיינע בעשעפניש ווארום ער האט זייא גישטעלט איין נביא אדר אצדיק ער זאל זייא לערנען צו גאטס דינסט ואין דור מן הדורות אונ עס איז ניט גיוועזין קיין שום דור לעער פון זייא אז עס זאל ניט זיין אצדיק ער זאל זייא לערנען צו גאטס דינסט וויא אונזרע חכמים האבין גיזאגט עד שלא כבתה שמשו של משה איידי די זון פון משה רבינו איז פאר לאשין גיווארין זרחה שמשו של יהושע האט גישיינט די זון פון זיין תלמיד יהושע כלומר איידר משה רבינו איז גישטארבין איז שוין גיווען יהושע זיין תלמיד אויף זיין ארט עד שלא כבתה שמשו של עלי איידר עס איז פר לאשין גיווארין די זון פון עלי הכהן זרחה שמשו של שמואל הרמתי האט שוין גישיינט די זון פון שמואל הנביא עד שלא כבתה שמשו של אליהו הנביא איידר עס איז פר לאשין גיווארין די זון פון אליהו הנביא זרחה שמשו של אלישע האט גישיינט די זון פון אלישע יום שמת ר' עקיבא נולד רבינו הקדוש אין דעם טאג אז רבי עקיבא איז גישטארבין איז געבארין געווארין

רבינו

הארצות לא יהסר קורא אל האלהים ואל עבודתו ומורה את תורתו, והשב הזה כעבד שברח מעבודת אדוניו ופגע עבד נאמן לאדוניו והוכיחו על ברחו מאדוניו ויעץ אותו לשוב אליו והבטיחו שימחול לו והזכירו רוב טובותיו וחסדיו עליו ושב אליו ונכנע אליו. והשלישי כשהוא רואה נסיון הבורא וחוזק עונשו למי שהלך בדרכו לצאת מעבודתו יוסר בו וישוב אל ה׳ מיראתו עונשו ונקמתו החזקה והוא כעבד הבורח מאדוניו כשישמע מה שהיה מעונשו למי שברח ממנו כמוהו ויוסר בו וישוב מתחנן אל אדוניו למחול לו ולסלוח עונו קודם שיבואנו העונש וע"כ אמר הכתוב (ויקרא יח) ולא תקיא הארץ אתכם וגו׳ כאשר קאה וגו׳. והרביעי כבוא עונש הבורא עליו במין ממיני הצרות וכיון שהרגיש בו נעור והקיץ משנתו ושב אל האלהים מחטאו, והוא כעבד הבורח מרבו אשר שלח אליו מי שייסרנו ויענגו על ברחו מעבודתו וכאשר הגיע אליו ברח אל אדוניו מתודה מחטאיו ומבקש מחילתו וסליחתו ובכמוהו נאמר (משלי א) בבוא כשואה פחדכם וגו׳ אז יקראונני ולא אענה ואמר (ד"ה ב לג)

מרפא לנפש

למקום אלינו להחזירנו למוטב: בבא כשואה פחדכם כמו כעולם פתאום: ואידכם כסופה יאתה בבא עליכם צרה וצוקה

רבינו הקדוש ועל הדרך הזה ימצא בכל הדורות ובכל הארצות אונ אויף דעם גלייכן ווערט גיפונגען אין אלע דורות אונ אלע לענדר לא יחסר קורא אל האלהים עס טוט קיין מאל ניט אפ גיין אזעלכער וואס ער רופט די לייט צוא גאט ואל עבודתו אונ צוא זיין דינסט ומורה את תורתו אונ לערנט זייא זיין תורה והשב הזה אונ דער דאזיגער בעל תשובה וואס ער טוט תשובה דורך איינעם וואס שטראפט אים איז גלייך כעבד שברח אזו ווי א קנעכט וואס איז אנטלאפין גיווארין פון זיין האריס דינסט ופגע עבד נאמן האט ער בגעגינט אננדר קנעכט וואס איז זיין האריין גיטרייא והוכיחו על ברחו האט אים יענר קנעכט גישטראפט אויף דעם וואס ער איז אנטלאפין גיווארין פון זיין האריין ויעץ אותו אונ ער האט אים איין עצה גיגעבן ער זאל זיך ווידר אום קערין צום האריין והבטיחו שימחול לו אונ ער האט אים מבטיח גיוועזן אז דער האר וועט אים מוחל זיין אויף דעם וואס ער איז פריער אנטלאפין גיווארין פון זיין דינסט והזכירו אונ יענר קנעכט האט אים דער מאנט רוב טובותיו זיין פיל גוטס אונ זיין חסד וואס דער האר האט אים גיטאן ושב אליו ונכנע האט זיך דר קנעכט צו אים ווידר גקערט אונ האט זיך אונטער גיגעבין צו אים אזו איז דא אויך אז דער צדיק שטראפט אים אונ ווייזט אים די טובות וואס גאט האט מיט אים גיטאן טוט ער דערנאך תשובה. והשלישי אונ דאס דריטע איז כשהוא רואה נסיון הבורא אז ער זעהט דאס פרובונג פון דעם באשעפר וואס ער פרובט וחוזק עונשו אונ דעם שטארקין עונש וואס ער שטראפט למי שהלך בדרכו צו אזעלכין וואס גייט נאך זיין ווילין ארויס צו גיין פון גאטס דינסט יוסר בו ווערט ער דורך אים גישטראפט וישוב אל ה׳ אונ קערט זיך ווידר צו גאט מיראתו עונשו ווייל ער האט מורא פר זיין עונש אונ פאר זיין שטארקע נקמה והוא כעבד הבורח אונ ער איז גלייך ווי א קנעכט וואס איז אנטלאפין גיווארין פון זיין האריין כשישמע מה שהיה מעונשו אז ער הערט פון דעם עונש וואס איז גוועזן צו אננדר קנעכט וואס איז אויך אנטלאפין גיווארין פון זיין האר ווי ער ויוסר בו אונ ער נעמט זיך פון יענם א מוסר וישוב מתחנן אל אדוניו אונ קערט זיך ווידר אונ בעט זיין האר אז ער זאל אים מוחל זיין אונ פר געבין זיינע זינד קודם שיבואנו העונש איידר דר עונש זאל קומן אויף אים טוט ער תשובה ועל כן אמר הכתוב אונ אויף אזו אגלייכין זאגט דער פסוק אין ויקרא ולא תקיא הארץ אתכם אונ די ערד זאל אייך ניט אויס שפייען כאשר קאה ווייא זיא האט אויס גישפייען די כנענים וואס זענין גיוועזן פר אייך. והרביעי אונ דאס פערטע איז בבא עונש הבורא עליו אז עס קומט אויף אים דר עונש פון דעם באשעפר וואס ער שיקט אויף אים עפעס א מין צרה וכיון שהרגיש בו אונ ווייא ער דער פילט עס אז גאט שיקט אויף אים די צרות ווייל ער האט גיזינדיגט נעור ווערט ער דר וועקט אונ כאפט זיך אויף פון זיין שלאף ושב אל האלהים אונ ער טוט תשובה צו גאט איבער זיינע זינד והוא אונ דער איז גלייך כעבד הבורח מאדוניו ווייא א קנעכט וואס איז אנטלאפן גיווארין פון זיין האר אשר שלח אליו וואס זיין האר שיקט צו אים איינם נאך אים שטראפן ויענגו על ברחו אונ זאל אים פייניגן דרויף וואס ער איז אנטלאפין גיווארין פון

זיין

וכהצר לו חלה את פני ה' ויכנע מאד והמצליח השב אל האלהים בפנים הראשונים ותחתיו בהצלחה ובקבול מי שלא שב עד שבאתהו תוכחת הבורא והם הפנים השניים ותחתיהם בהצלחה ובקבול מי שלא שב עד שחלה הרעה על סביביו ותחתיו בקבול וההזרה מי שלא שב עד שחל עליו העונש ונתיסר בו והוא הרחוק שבשבים לקבל האלהים תשובתו ולמחול חטאו עד שישוב אל ה' ויראה מן החרטה והעזיבה ובקשת המחילה בלבו ובלשונו ובתנועותיו מה שיחייב למחול לו ולקבל תשובתו ולעבור על פשעיו:

פרק ז אבל מפסידי התשובה רבים מאד וכבר זכרתי רובם במה שקדם מן השער הזה וממפסידיה עוד ההסכם על העבירה והוא ההתמדה על עשותה והאיחור מהניח

## מרפא לנפש

אז יקראונני וגו': וכהצר וגו' כמנשה נאמר בד"ה ושם נאמר ויתפלל אליו ויעתר לו וישמע תחנתו וישיבהו ירושלים למלכותו וגו': והמצליח השב וכו' ויותר מוצלח מכל השבים ומעלתו גדולה מכולם הוא מי ששב בפנים הראשונים תיכף בשעת החטא: ואחריו בקבול תשובתו ובהצלחה עד כב"י הוא כבכ כו' ועיין במנורת המאור משל נמרץ כנגד חמשה מדרגות של בע"ת אל ספינה שהוליכה הרוח אל אי רחוק מסיבוב ויש בו חמשה כתות יש שלא ירדו מהספינה כל עיקר ויש שיצאו ושבו באותו יום תיכף למקומותם ויש שאיחרו על האי להתענג שם וכשחזרו לא מצאו מקומותם שחביריהם לקחו מקומותם ויש שלא חזרו עד שהספינה התחילה לנסוע והיו צריכין לבוא אחר הכפ נה ויש שישארו שם על האי עד התורף וכלו ומהו שם נרעב ונצמא וכן בע"ת יש צדיק גמור שאינו יוצא לחוץ כל עיקר ויש ששב תיכף אותו זו משם עד שמוחלין לו ויש ששב סמוך למיתתו בודאי אינו מולא מקומו כבעוה"כ ויש שאינו שב כל עיקר זה נכרת מעוה"ב עיש באורך ובמליה סביאו:

זיין דינסט וכאשר הגיע אליו אונ אז ער קומט צו אים ברוח אל אדוניו אנטלויפט דער קנעכט צוריק צו זיין האר מתודה בחטאיו אונ איז מתודה אויף זיינע זינד ומבקש מחילתו אונ בעט אז דער האר זאל אים מוחל זיין אונ פר געבין זיינע זינד וככמותו אונ בייא אזו אגלייכין נאמר ווערט גיזאגט בבוא כשואה פחדכם אז עס וועט קומען וויא איין פינסטערניש אייער פארכט אז יקראונני ולא אענה דענמאלט וועלין זיי מיך רופין אונ איך וועל זייא ניט ענטפערין והמצליח אונ דער באגליקטער איז כלומר דיא בעסטע תשובה איז השב אל האלהים כו' דער וואס טוט תשובה צו גאט אונ דיא ורכים וואס מיר האבין צום ערשטין גישריבין דהיינו ער טוט תשובה פון זיך זעלבערט ותחתיו בהצלחה אונ אונטער אים אין דעם באגליקין אונ אין דעם אן געמען זיין תשובה דאס די תשובה איז ניט אזו גוט וויא די ערשטע אונ ווערט ניט אזו גוט אן גינומען איז מי שלא שב דער וואס טוט ניט קיין תשובה ביז עס קומט צו אים די שטראף בייד פון דעם באשעפר ותחתיהם בהצלחה אונ וואס איז נאך נידעריגער אין בגליקונג אונ אין אן געמען פון זיין תשובה וואס דיא תשובה איז נאך נידעריגער אונ ווערט ניט אזו גוט אן גינומען אפילו וויא דיא אנדרע וואס פריער איז גישטאנען מי שלא שב עד שחלה דר וואס טוט ניט קיין תשובה ביז ער זעהט אז דאס בייז האט גירוהט אויף דעם אנדערין וואס האט גידינינט האט ער מורא עס זאל אויף אים אויך ניט קומען קיין בייז ורום טוט ער תשובה ותחתיו בקבול אונ די תשובה וואס ווערט נאך ערגער אן גינומען פון אלע מי שלא שב עד שחל עליו העונש דר וואס טוט ניט קיין תשובה ביז אויף אים זעלבסט רוהט איין שטראף ונתייסר בו אונ ער געמט זיך דורך דעם איין מוסר אונ טוט תשובה והוא הרחוק שבשבים אונ דר איז דר דער ווייטערסטער פון אלע בעלי תשובות לקבל האלהים תשובתו אז גאט זאל זיין תשובה מקבל זיין ולמחול חטאו אונ זאל אים זיינע זינד מוחל זיין עד שישוב אל ה' ביז ער קערט ווידר צו גאט ויראה מן החרטה אונ ווייזט וויא ער האט חרטה והעזיבה אונ פר לאזט זיינע עבירות ובקשת המחילה בלבו אונ בעט גאט מיט זיין הארץ אונ מיטן צונג אונ מיט אלע זיינע תנועות אז ער זאל אים מוחל זיין די זינד אונ טוט תשובה דורך אזו ארנטליך מה שיחייב למחול לו וואס ער זאל ווערט זיין אז גאט זאל אים זיינע זינד מוחל זיין אונ זיין תשובה מקבל צו זיין ולעבור אונ צו שייגקן אים זיינע עבירות דענטמאלט ווערט זיין תשובה אן גינומען ביי גאט:

